# קאנגרעס באערט די פעולות פון הרה"ח ר' הערשל קעסטענבוים ע"ה ביים אפצייכענען 30 יאר פון די "קאמישאן פאר די פרעזערוואציע פון אמעריקא'ס העריטעדזש אין אויסלאנד"

**גרויסע פאזיטיווע פארשריט ערווארט ביי לאנג יאריגע שתדלנות פון הרב אליעזר קעסטענבוים שליט"א צו ראטעווען בתי חיים אין אוסטראה און פרוסטיץ, מקום מנוחת קדשם פון הייליגן מהרש"א זי"ע און הרה"ק רבי צבי הירש זי"ע אב"ד פרוסטיץ**

געמאלדן דורך: די פריעדלענדער גרופ

א גייסט פון אחדות האט אנגעפילט די 'קענעדי קאקוס רום' אינעם אמעריקאנעם סענאט געביידע פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת קרח ווען א רייע הויכראנגיקע באאמטע וועלכע שטעלן פאר א גרויס טייל פון די פירערשאפט אינעם קאנגרעס און אין סענאט, קאנגרעס מיטגלידער און נאך, זענען זיך צוזאמגעקומען מיט פראמינענטע קהילה פירער אפצוצייכענען 30 יאר פון די גרינדונג פון די 'קאמישאן פאר די פרעזערוואציע פון אמעריקא'ס העריטעדזש אבראוד.

אום 1985 זענען קאנגרעסמאן סטיוו סאלארז און סענאטער טעד קענעדי געווען אינסטרומענטאל דורכצופירן דאס געזעץ וואס האט געגרינדעט די קאמישאן. דאס איז געווען א טייל פון די אינטערנאציאנאלע סעקיוריטי און דעוועלאפמענט געזעץ פון 1985. דאס איז צושטאנד געקומען דורך די איבערמידליכע באמיאונגען פון דעם באגאאבטן וועלט בארימטן איש החסד הרה"ח ר' הערשל קעסטענבוים ז"ל.

דער צוועק פון די 'קאמישאן פאר די פרעזערוואציע פון אמעריקא'ס העריטעדזש אין אויסלאנד' איז צו פרעזערווירן און שוצן געדענקמאלן, בתי חיים און שוהלן אין צענטראל און מזרח אייראפע. די מיטגלידער פון די קאמיטע ווערן באשטימט דורכן פרעזידענט און די קאנגרעסיאנאלע פירערשאפט.

דורכאויס דעם גאנצן פראגראם איז כסדר געווארן ארויסגעברעגט די פעסטקייט פון הרה"ח ר' הערשל ע"ה און זיין גאלדענע שפראך וואס ער האט געהאט מיט די העכסטע באאמטע, דורך וואס ער האט מצליח געווען איינצופעדימען די קאמישאן.

צווישן די באטייליגטע האבן זיך אנגעזעהן: סענאטער בען קארדין, רענקינג מעמבער פון די סענאט אויסערן רילעשאן'ס קאמיטע, סענאטער דזשיליברענד פון ניו יארק, קאנגרעסלייט עד רויס און עליאט ענגעל, דער פארזיצער און רענקינג מעמבער פון די קאנגרעס אויסערן רילעשאן'ס קאמיטע, דער דעמאקראטישער וויפ אין קאנגרעס, קאנגרעספרוי וואסערמאן-שולץ, פארזיצערין פון די נאציאנאלע דעמאקראטישע פארטיי, קאנגרעספרוי מענג און קאנגרעספרוי גרענגער, פארזיצערין פון די אויסערן אפרא־




ציעס אפראפריעשאן'ס סוב-קאמיטע.

עס האבן אויפגעטרעטן סענאטער קארדין און קאנגרעסמאן סטעני הויער וואס האט ארויסגעברענגט אז די וועלכע פארשוועכן בתי חיים מיינען נישט בלויז צו צו-ברעכן א מצבה, נאר זיי ווילן דערמיט אויך פארשוועכן די אידישע רעליגיע. ער האט דערמאנט ווי שטארק די חילול בתי חיים נאך די צווייטע וועלט קריג האט וויי געטוען הרה"ח ר' הערשל ע"ה עד דכדוכה של נפש, און אז ער, אויף די אייגענע האנט, האט זיך ארייגעווארפן אין די ארבעט פון איבערמאכן בתי חיים, אבער איז נישט געווען צופרידן בלויז פון דעם, נאר האט געהאלטן אז כדי די בתי חיים זאלן נישט ווערן נאכגעלאזט, אדער ח"ו איגנאנצן פארניכטעט, מיט די צייט, איז וויכטיג אז עס זאל זיין א אפיציעלע קאמיטע פון די אמעריקאנע רעגירונג וואס זאל שוצן די הייליגע ערטער אין מזרח אייראפע.

קאנגרעסמאן עד רויס האט געזאגט, "ר' הערשל קעסטענבוים איז נישט בלויז געווען א פירער מיט א ווייטן בליק, נאר אויך א קלוגע און אינטעלעגענטער מענטש. ער האט געוויסט וויאזוי אויסצופירן זאכן און נישט בלויז רעדן דערפון".

ר' עזרא פריעדלענדער, פון די פריעדלענדער גרופ וואס האט קאארדינירט די מסיבה, האט מיטגעטיילט זיינע זכרונות פון די ראלע וואס הרה"ח ר' הערשל ע"ה האט געשפילט ביים איבערמאכן דעם בית החיים אין ליסקא, אונגארן.

מייקעל לאווען, דער געוועזענער שטאב הויפט צו קאנגרעסמאן סטיוו סאלארז, האט מיטגעטיילט די פאלגנדע געשיכטע וואס דעמאנסטרירט ריכטיג די חכמה און לשון לימודים און אויסערגעוועגליכע סייעתא דשמיא מיט וואס הרה"ח ר' הערשל ע"ה האט געברענגט צום גרינדונג פון די קאמישאן.

קאנגרעסמאן סטיוו סאלארז, זיין שטאב הויפט און הרה"ח ר' הערשל ע"ה האבן אריבערשפאצירט פון די קאנגרעס זייט פונעם קעפיטעל געביידע צו סענאטאר קענעדי אים איבערצורעדן צו שטיצן דאס געזעץ. נאכן רעדן אביסל איז סענאטער קענעדי געווען עטוואס אינטערעסירט דערין אבער נאכנישט פולשטענדיג איבערצייגט אין די וויכטיגקייט דערפון, רופט זיך הרה"ח ר' הערשל ע"ה אן צו סענאטער קענעדי: איך בין נעכטן געגאנגען באזוכן דעם "ארלינגטאן סעמעטערי" (בית הקברות פאר אמעריקאנער מיליטערלייט) און געזען די שיינע קברים פון דיינע ברידער וועלכע זענען העלדישע אמעריקאנער און פארדינען טאקע דעם כבוד, אבער קומט דען נישט פאר אלע קינדער פון ג-ט צו האבן דעם זעלבן כבוד?

די ווערטער האבן באריכט סענאטער קענעדי און אזוי ארום האט ער מסכים געווען צו ספאנסערן דעם געזעץ וואס איז עווענטועל געווארן אונטערגעשריבן דורך פרעזידענט רעיגען, וואס האט באשטימט הרה"ח ר' הערשל ע"ה אלס דעפיוטי פארזיצער פון די קאמישאן.

דער בארימטער תורה מעצענאט הרה"ח רבי אליעזר קעסטענבוים שליט"א האט ביי די מסיבה געמאלדן אז די בית החיים אין סלוביק, טשעכיי, ווי אויך 200 מצבות אין אויסטרה, אוקריינע וועלן ווערן איבערגעמאכט, א שריט וואס איז ווארעם באגריסט געווארן דורך אמבאסאדאר גאנדעלאוויק פון טשעכיי און יאראסלאוו בריסיאק פון די אוקריינע'ר אמבאסאדע.

די הויכראנגיקע דיפלאמאטישע פארשטייער האבן געמאלדן זייערע רעגירונג'ס שטיצע פאר די מעכטיגע פעולות הצלה וואס ר' אליעזר הי"ו האט זיך אונטערגענומען יארן צוריק איבער די באטרעפענדע בתי חיים, אלס א המשכה צו די פעולות פון זיין גרויסן טאטן. עס האט זיך באשיינפערליך אנגעזעהן ווי די באעהרונג האט באריכט די טיעפסטע סטרונעס פון די דיפלאמאטן, וועלכע האבן פארשפראכן זייער קאאפעראציע לגבי די בתי חיים אין אוסטראה און פרוסטיץ.

הרה"ח רבי אליעזר שליט"א האט ארומגערעדט פון די ווייטגרייכנדע פעולות פון זיין טאטען ע"ה, און ווי עס האט ביי אים נישט עקזיסטירט אזא זאך ווי 'ניין'. וויאזוי ער האט אנגעקניפט באציאונגען מיט פאליציי און איבערגערעדט די באאמטע צו האלטן א אויג אויף די בתי חיים אז זיי זאלן ח"ו נישט פארשוועכט ווערן. ער האט דערמאנט אז זיין טאטע ע"ה האט כסדר געזאגט אז ער האט איבערגעלעבט די קריג ווייל ער דארף עפעס אויפטוען, און יעדער ווייסט טאקע אז ער האט טאקע אויפגעטוען גאר אסאך לטובת הכלל, וואס אויפשטעלן די קאמישאן ציילט זיך צווישן די שענסטע פון זיי אלע.

דאס גאנצע יהדות החרדית באגריסט די געוואלדיגע און קאסטבארע אונטערנעמונגען פון הר"ר אליעזר שליט"א, צו ראטעווען דאס לעצטפארבליבענע זכרון פון גדולי עולם מצוקי תבל, און קוקט ארויס אויף די ענדגילטיגע הצלחה אין דאס צוריק שטעלן אויפן ארגינעלן סטאטוס ווי עס פאסט פאר אזעלכע קדושים גדולי ומנהיגי ישראל.



הר"ר אליעזר קעסטענבוים, קאנגרעסמאן טעד לו, הר"ר משה קעסטענבוים, הר"ר יואל קעסטענבוים



הר"ר אליעזר קעסטענבוים מיט סענאטער בען קארדין, מעמבער פון די סענאט אויסערן רילעשאן'ס קאמיטע



הר"ר אליעזר קעסטענבוים באקומט אן אווארד פון קאנגרעסמאן סטעני הויער - ווערט אויך געזען ר' עזרא פריעדלענדער, וועלכער האט קאארדינירט די מסיבה